# האַרבסטליד

## ביילע שעכטער-גאָטעסמאַן

זע, ס׳איז האַרבסט —
און וואָס געגרינט פֿאַרגעלט, פֿאַרוויאַנעט.
זע, ס׳איז האַרבסט —
און וואָס געבליט פֿאַרגייט ...
און איך, וואָס כ׳האָב געמיינט ס׳איז שטענדיק פֿרילינג
און כ׳האַלט אין האַנט
די גאַנצע אייביקייט.

אָהאָ, פֿאַלנדיקע בלעטער!
אָהאָ, פֿליִענדיקע טעג!
אָהאָ, ווי וועל איך איצטער בלאָנדזשען,
ווען ס׳ליגט געדיכטער נעפל אויף מײַן וועג..

קראַקען פֿייגל,
זאָגן טרויעריק: ״זײַ געזונט דיר!״
קרעכצט אין פֿענצטער
און סע קלאָגט דער ווינט:
״אָ, ווי וואָלט איך איצט אַוועק פֿון דאַנען
צון אַ ברעג
וווּ נאָך דער פֿרילינג גרינט ...״

אָהאָ, פֿאַלנדיקע ...

פֿליט דער רעגן —
אַ גאַלאָפּ אויף ווילדן פֿערדל.
רוימט מיר אײַן אַ סוד: ער האָט מיך האָלט.
״צו וואָס זשע דאַרפֿסטו וואַרטן אויפֿן פֿרילינג,
אַז ס׳האָט דער אָסיען פֿולע קוישנס גאָלד.״

אָהאָ, פֿאַלנדיקע ...